# פרשת כי תצא 5757

ברוכה לאַנג (bl67@columbia.edu)

״אַז פֿאַר דיר וועט זיך טרעפֿן אין וועג אַ נעסט פֿון אַ פֿויגל אויף ערגעץ אַ בוים, אָדער אויף דער ערד, מיט פֿייגעלעך אָדער אייער, און די מוטער זיצט אויף די פֿייגעלעך אָדער אויף די אייער, זאָלסטו ניט נעמען די מוטער אין איינעם מיט די קינדער. אַוועקלאָזן זאָלסטו אַוועקלאָזן די מוטער, און די קינדער זאָלסטו נעמען צו דיר; כּדי דיר זאָל גוט זײַן, און זאָלסט מאריך־ימים זײַן [לאַנג לעבן].״ (22:6-7)

יעדעס יאָר, ווען מע לייענט אין פרשת כי תצא די מצווה פֿון אַוועקלאָזן דעם מוטער־פֿויגל איידער מע נעמט צו די קינדער (אָדער אייער), איז מיר קשה. דאַכט זיך, אַז סע ווערט איבערגעגעבן ווי אַן אַקט פֿון רחמנות (און די באַלוינונג איז טאַקע גרויס!), אָבער איז נישט בעצם אַכזריותדיק, אַוועקצונעמען קינדער פֿון אַ מאַמען? די זעלבע קאַשע איז חל אויף דער מצווה: ״אַ רינד צי אַ שאָף, זאָלט איר עס ניט שעכטן אין איין טאָג מיט זײַן קינד״ (ויקרא 22:28): איז נישט בעצם אַכזריותדיק צו דערהרגענען אַ מאַמעס אַ קינד? האָב איך באַשלאָסן אויסצוניצן די געלעגנהייט זיך אַ ביסל אַרײַנצוטראַכטן אינעם ענין, און איך האָב אַ קוק געטאָן אויף רמב״נס פּירוש אויף דער תּורה (צו דבֿרים 22:6) און אויפֿן ספֿר החינוך (אַ באַשרײַבונג פֿון די תּרי״ג מצוות), מצווה 544. (ציטאַטן האָב איך איבערגעזעצט אַזוי פּינקטלעך ווי איך האָב געקענט.) זיי זײַנען מאַסביר די צוויי מצוות אויף דרײַ אופֿנים.

1. לויטן רמב״ם (וואָס דער רמב״ן ציטירט), זאָלן די צוויי מצוות אָפּהאַלטן דעם מענטשן, ער זאָל נישט שעכטן קיין קינד (פֿון אַ פֿויגל צי אַ בהמה) פֿאַר די אויגן פֿון דער מאַמען. דער ווייטיק פֿון אַ מאַמען איז אינסטינקטיוו, ס׳איז נישט פֿאַרבונדען מיט שׂכל; ממילא פֿילט אַ חיה אַזוי פֿיל ווייטיק ווי אַ מענטש אין אַזאַ פֿאַל. לויט דער דעה קומען די צוויי מצוות טאַקע צוליב רחמנות פֿאַר דער חיה.

2. דער רמב״ן איז נישט מסכּים, אַז דער עיקר פֿון די צוויי מצוות איז צו פֿאַרמינערן דעם ווייטיק פֿון דער חיה. לויט אים איז דער עיקר אַז דער מענטש זאָל נישט ווערן אַכזריותדיק. ער טענהט, אַז דער אייבערשטער האָט אונדז געגעבן די (613) מצוות נישט ווײַל ער כּבֿיכול דאַרף זיי, נאָר פֿונעם מענטשנס וועגן: ״דאָס גוטס פֿון די מצוות קומט נישט דעם אייבערשטן אַליין נאָר דעם מענטשן, כּדי אים (דעם מענטשן) אָפּצוהאַלטן פֿון אַ שאָדן, פֿון אַ שלעכטער אמונה, אָדער פֿון אַ מיאוסער מידה (אייגנקייט), אָדער אים צו דערמאָנען אין די נסים און נפֿלאות פֿונעם באַשעפֿער, זאָל ער זײַן געבענטשט, כּדי דער מענטש זאָל אָנערקענען דעם אייבערשטן, און אַזוי ווערט ער דורך די מצוות געלײַטערט.״ דער רמב״ן ברענגט עטלעכע בײַשפּילן, וואָס שטיצן זײַן טענה. אָט וועל איך דערמאָנען צוויי. וואָס מאַכט עס אויס דעם אייבערשטן ווען מע שעכט אַ חיה, צי מע שנײַדט דעם האַלדז פֿון פֿאָרנט צי פֿון הינטן? גאָרנישט: דאָס גוטס פֿון דער מצווה קומט דעם מענטשן, ״אים צו פֿירן אין די וועגן פֿון רחמים, אַפֿילו בעת דער שחיטה.״ וואָס מאַכט עס אויס דעם אייבערשטן צי מיר עסן ״ריינע״ אָדער ״אומריינע״ חיות? דער פּסוק זאָגט ״אומריין זײַנען זיי פֿאַר אײַך״ (ויקרא 11:28) און איז דערדורך מרמז, אַז זיי מאַכן דעם מענטשן אומריין ווי אויך דער היפּך: האַלטן די מצווה ריייניקט, לײַטערט דעם מענטשן. אויך באַם מוטער־פֿויגל און באַ דער בהמה מיטן קינד איז דער עיקר משפּיע צו זײַן צום גוטן אויף דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און נישט רחמנות צו האָבן אויף די חיות: ״מע קען נישט זאָגן, אַז דער אייבערשטער איז מרחם אויף די חיות, ווײַל אויב אַזוי וואָלט ער אונדז נישט געלאָזט זיי אויסניצן פֿאַר אונדזערע באַדערפֿענישן און ער וואָלט געאַסערט די שחיטה, נאָר די סיבה פֿאַרן אָפּהאַלטן זיך [פֿון נעמען די קינדער פֿאַר די אויגן פֿון דער מאַמען] איז אונדז צו לערנען די מידה פֿון רחמנות האָבן, מיר זאָלן נישט ווערן אַכזריותדיק.״

3. דער רמב״ן דערמאָנט אויך אַ דריטע סיבה, וואָס דער ספֿר החינוך טײַטשט אויס מער באַריכות. די מצווה פֿון אַוועקשיקן דעם מוטער־פֿויגל זאָל אויך לערנען אַ טעאָלאָגישן עיקר: אַז דער קיום פֿון דער וועלט ווענדט זיך אינעם אייבערשטנס השגחה. דער אייבערשטער היט אויף אַלע מינים (בל״ז ״ספּישיס״), וואָס ער האָט באַשאַפֿן. כאָטש דער מענטש מעג שעכטן חיות אויף עסן, טאָר ער נישט אויסהרגענען קיין מין: דער רמב״ן זאָגט, אַז יענער, וואָס הרגעט די מאַמע און די קינדער אין איין טאָג ווערט באַטראַכט אַזוי ווי ער וואָלט צעשטערט דעם מין. (ווײַזט אויס, אַז אין יענע צײַטן האָט מען נישט געהאַט דעם באַגריף פֿון ״אויסשטאַרב,״ אָבער ווי מײַן מיטוווינערין האָט געזאָגט, איז אינטערעסאַנט אַז די חכמים האָבן בכלל געטראַכט וועגן דעם קיום פֿון די מינים.) דער מחבר פֿון ספֿר החינוך טײַטשט ווײַטער אויס, אַז אינעם פֿאַל פֿונעם מוטער־פֿויגל איז אַן ענין פֿון ״מידה כּנגד מידה,״ הייסט עס, אַז אַזוי ווי דער מענטש פֿירט זיך, אַזוי וועט זײַן זײַן באַלוינונג (אָדער שטראָף). אויב דער מענטש געדענקט, אַז דער קיום און דאָס גוטס קומען פֿונעם אייבערשטן, וועט דער אייבערשטער לאָזן לאַנג לעבן דעם מענטשן און אויך טאָן גוטס פֿאַר אים. די באַלוינונג פֿאַר דער מצווה פֿון אַוועקלאָזן דעם פֿויגל איז אַריכות־ימים (אַ לאַנג לעבן) און דער ספֿר החינוך ציטירט אַ מדרש, וואָס דערקלערט, אַז דער מענטש וועט זוכה זײַן צו האָבן קינדער (בנים), ״דאָס הייסט, אַז ער וועט ווײַטער

זײַן קים, ווײַל קינדער זײַנען דער קיום און דער זכר פֿונעם מענטשן.״ פֿון וואַנען דרינגט דער מדרש דער דאָזיקער טײַטש? דער פסוק וואָלט געקענט זיך באַנוגענען מיט ״אַוועקלאָזן זאָלסטו די מוטער,״ ווײַל דער לייענער וואָלט שוין אַליין פֿאַרשטאַנען ״און די קינדער זאָלסטו נעמען צו דיר.״ איז פֿאַר וואָס ווערן קינדער דערמאָנט? כדי צו לערנען, אַז ״בנים תּקח לנפֿשך,״ אַז דו וועסט אַליין האָבן קינדער.

אָט זײַנען די דרײַ דערקלערונגען צו דער מצווה פֿון אַוועקלאָזן די מוטער: 1. רחמנות האָבן אויף דער חיה אַליין; 2. לערנען דעם מענטשן די מידה פֿון רחמים; 3. דערמאָנען דעם מענטשן, אַז דער קיום פֿון דער וועלט איז אָפּהענגיק אינעם אייבערשטנס השגחה.

עס בלײַבט אָבער מײַן קשיא, אַז אַוועקנעמען די קינדער פֿון דער מאַמען איז בעצם אַן אַחזריותדיקער אַקט. פֿאַר וואָס מעג מען עס טאָן? ווי מיר האָבן געזען, דערמאָנט אונדז דער רמב״ן, אַז מע מעג אויסניצן די חיות (אויף עסן, למשל) און ער באַווײַזט באַריכות, אַז די מצוות זאָלן אויספֿורעמען אינעם מענטשן דאָס רחמנות-געפֿיל. אין אַ פּאָר קורצע באַמערקונגען זאָגט ער פֿאַר וואָס דאָס איז אַזוי וויכטיק — שעכטן אַ חיה איז אייגנטלעך גאָר אַן אַחזריותדיקער אַקט: ״דאָס אַחזריות פֿאַרשפּרייט זיך אינעם מענטשנס נפֿש, ווי ס׳איז באַוווסט אַז יענע וואָס שעכטן גרויסע אָקסן און אייזלען זײַנען ׳אנשי דמים,׳ מענטשן פֿון בלוט.״ ס׳איז גראָד צוליב דעם אַחזריות פֿונעם אַקט, אַז מיר דאַרפֿן אַ מצווה וואָס זאָל אונדז לערנען רחמים. די תּורה דערלויבט געוויסע אַחזריותדיקע אַקטן (ווי שחיטה), ווײַל זיי זײַנען נייטיק פֿאַר געוויסע מענטשלעכע באַדערפֿענישן, אָבער צוליב דעם, וואָס זיי זײַנען בעצם אַחזריותדיק, רינגלט זיי די תּורה אַרום מיט מצוות, וואָס זאָלן אָפּהאַלטן דעם מענטשן פֿון ווערן אַן אַחזור. און דאָס טוען די מצוות אויף דרײַ אופֿנים: 1. זיי העלפֿן, אַז מע זאָל אַזוי ווײַט ווי מעגלעך שאַנעווען דעם אָביעקט פֿונעם אַחזריותדיקן אַקט, למשל אַוועקלאָזן די מוטער איידער מע נעמט די קינדער; 2. זיי פֿורעמען אויס אינעם מענטשן, וואָס טוט דעם אַקט, רחמנות-געפֿילן; 3. זיי דערמאָנען דעם מענטשן, אַז כאָטש ער האָט אַ סך כוח (למשל צו הרגענען), איז זײַן קיום און דער קיום פֿון דער וועלט אָפּהענגיק אינעם בורא.

צום סוף וויל איך באַמערקן, אַז ווייניקער דראַמאַטישע אָבער בעצם אַחזריותדיקע אַקטן, אַקטן וואָס טוען וויי אַ צווייטן, זײַנען אַ טייל פֿון אונדזער טאָגטעגלעכן לעבן — ווען מע דאַרף למשל איבערגעבן אַ שלעכטע בשׂורה אָדער עמעצן זאָגן מוסר. די אַקטן זײַנען אָבער זיכער נייטיק — מע קען זיי נישט אויסמײַדן. אפֿשר קענען די פּרינציפּן, וואָס אויף זיי איז געבויט די מצווה פֿון ״אַוועקלאָזן די מוטער,״ אונדז העלפֿן דורכצופֿירן אַזעלכע טוונגען, וואָס זײַנען פּאָטענציעל אַחזריותדיק, אויף אַ מענטשלעכן און אפֿילו געטלעכן אופֿן.